# משיחת ש״פ תולדות תשכ״ח

אויפן פסוק ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות (כז, א) שטעלט זיך רש"י אויפן ווארט "ותכהין" און ברענגט דריי פירושים: בעשנן של אלו (שהיו מעשנות ומקטירות לעבוד"ז), ד"א כשנעקד ע"ג המזבח והי' אביו רוצה לשחטו באותה שעה נפתחו השמים וראו מלאכי השרת והיו בוכים וירדו דמעותיהם ונפלו על עיניו, ד"א כדי שיטול יעקב את הברכות.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "לא ידעתי יום מותי" און איז מפרש: א"ר יהושע בן קרחה אם מגיע אדם וכו'.

דארף מען פארשטיין: פארוואס דארף רש"י אנקומען צו א ביאור פארוואס עס איז געווען ותכהין, בשעת אין פשטות הכתובים שטייט בפירוש אז דאס איז געווען ווייל כי זקן יצחק, און אזוי זעט מען אויך בפשטות אז בשעת מען ווערט אלט - ניט פאר קיינעם געדאכט - ווערט שוואך דער חוש הראי', וכמ"ש (בראשית מח, י) ועיני ישראל כבדו מזוקן.

אויך איז ניט פארשטאנדיק די צווייטע פירש"י, פארוואס דש"י דארף אנקומען צו א ביאור פארוואס "לא ידעתי יום מותי", בשעת אין פשטות הכתובים איז משמע אז דאס איז פארבונדן מיט "כי זקן יצחק", אז וויבאלד ער איז געווען אלט, האט ער אנגעהויבן פארלירן די כחות, האט ער דערפאר געזאגט לא ידעתי יום מותי.

אויך איז ניט פארשטאנדיק אין דעם ערשטן פירש"י, פארוואס דארף רש"י אנקומען צו דריי פירושים און איז זיך ניט מסתפק מיט איינע פון זיי.

און אויך אין דעם צווייטן פירש"י, פארוואס דארף רש"י זאגן אז דאס זאגט ר' יהושע בן קרחה, וכמדובר כמה פעמים, דארף דאס אלץ זיין מוכרח פון פשטות הכתובים.

(וויבאלד עס איז שפעט, וועט מען בלויז ריידן אויף די ערשטע רש"י ובקיצור, און די אנדערע וועט מען ריידן בהתוועדות הבאה), וכמו שיתבאר לקמן.

# משיחת ש״פ וישלח תשכ״ח

ועד"ז איז אויך בנוגע צו פירש"י וואס קומט נאך דעם, וואו רש"י זאגט אויף "הנה נא זקנתי לא ידעתי יום מותי": אמר ר' יהושע בן קרחה אם מגיע אדם לפרק אבותיו וכו'.

ולכאורה איז אויך דא ניט פארשטאנדיק פארוואס מען קען ניט לערנען בפשטות אז לא ידעתי יום מותי איז מצד זקנה, אז וויבאלד ער האט געפילט חלישות הכוחות האט ער געזאגט לא ידעתי יום מותי.

באר דאס איז אויך בנ"ל, וויבאלד אז יצחק האט געהאט ברכת הוי' האט ער דאך געוואוסט אז ער וועט האבן אריכות ימים, איז פארוואס זאל ער מיטאמאל טראכטן אז ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט. דערפאר ברענגט רש"י אז ער האט גע'דאגה'ט צוליב דעם כלל אז אם מגיע אדם לפרק אבותיו.

עס איז נאך אבער אלץ שווער, פארוואס דארף דאס רש"י ברענגען בשם ר' יהושע בן קרחה?

איז דער ביאור אין דעם: עס איז שווער, פארוואס טאקע האט יצחק געלעבט בלויז ק"פ שנים. עפ"י טבע האט ער געדארפט לעבן אדרבה, ווארום עפ"י הטבע קען מען לעבן ה' שנה לאחרי אבותיו. אבער יצחק האט דאך געהאט א ברכה, ובמילא האט ביי אים געדארפט זיין א הוספה אויף טבע?

אין פשטות וואלט מען געקענט לערנען, אז די ברכה איז געווען אז ער זאל האבן שלימות וויפל טבע קען געבן (ווארום עפ"י טבע קען זיין לפרק אמו און אויך ה' שנים לפני אביו - האט ער געהאט שלימות אין טבע),

— וואס דערפאר ברענגט דא רש"י אויך די ווערטער "שמא לפרק אבא", שלכאורה וואס איז דא נוגע אבא, איצטער רעדט מען דאך נאר וועגן פרק אמו, נאר ער וויל מרמז זיין פארוואס ער האט טאקע געלעבט בלויז ק"פ שנים, און ער זאגט אז דאס איז געווען ווייל שמא לפרק אבא, עס איז געווען דער שלימות אין טבע -

עס איז אבער ניט גלאטיק צו לערנען אז די ברכה האט ניט גע-געבן מער וויפל טבע קען געבן.

דערפאר ברענגט רש"י אז דאס האט געזאגט ר' יהושע בן קרחה, (באווארענען די קשיא בפירוש, דארף ער ניט וכנ"ל, ווייל י"ל אז די ברכה איז געווען על שלימות הטבע, ער פארענטפערט דאס אבער ברמז - מיט דעם נאמען ר' יהושע בן קרחה):

די גמרא זאגט אין מגילה, אז מ'האט געפרעגט ביי כמה וכמה "במה הארכת ימים" (מצד - תורה היא וללמוד אני צריך), האבן אלע געענטפערט כמה דברים, משא"כ ר' יהושע בן קרחה האט געענטפערט איין און איינציקן ענין, אז דאס איז געווען ווייל "שלא הסתכלתי ברשע". ומובן מזה אז כשם לא הסתכלתי פועל'ט אריכות ימים, עד"ז בשעת עס איז יא הסתכלתי, פועל'ט עס דעם היפך.

דעריבער, וויבאלד יצחק האט געקוקט אויף עשיו, האט דאס גע'-פועל'ט אז ער זאל ניט לעבן מער, ווארום כנ"ל א בדכה איז נאר בשעת עס מישט זיך ניט אריין נאך א ענין, א ברכה קען אבער ניט אוועקנעמען בחירה חפשית, און דערפאר האט ער ניט געלעבט לענגער...

עס איז

עס איז אבער שווער: יצחק אליין האט דאך ניט געוואוסט אז עשיו איז א רשע, היינט פארוואס האט ער מורא געהאט כשהי׳ בן קכ"ג, ער האט דאך געוואוסט אז ער דארף לעבן מער ווי קכ"ג שנה מצד דעם וואס ער האט די ברכה פון דעם אויבערשטן.

וואלט ער געווען בן קכ"ד, וואלט ניט געווען אזא שטארקע קשיא, ווייל עס קען זיין אז די ברכה האט הל׳ געווען אויף דעם יאר (ווארום עפ"י טבע קען דאך זיין ה׳ שנים קודם), מטא"כ אבער בשנת קכ"ג, וואס ביז דעמאלט האט ער טיי ווי געדארפט לעבן מצד הטבע, האט דאך די ברכה געדארפט חל זיין לכה"פ אויף דעם יאר.

נאר באמת, ביי אברהם ושרה גופא געפינט מען אז עס זיינען געווען זקנים באים בימים בשעת אברהם איז געווען ק׳ שנה און שרה איז געווען תשעים שנה. וואס דער טייטש פון באים בימים איז, אז זיי האבן שוין געהאט זייערע פולע טעג, און פונדעסטוועגן האבן זיי געלעבט מער. מוז מען זאגן אז עס איז אויך געווען מצד הברכה – האט יצחק געטראכט – אז אויך ביי שרה׳ן איז געווען קכ"ז שנה מצד הטבע און מצד הברכה צוזאמען קען זיין אז אויך ער – כאטש ער האט די ברכה – זאל לעבן קכ"ג, מצד הטבע ומצד הברכה צוזאמען.

לפי האמת אבער מוז מען אנקומען צו ר׳ יהושע בן קרחה, און מ׳קען ניט זאגן אז דעריבער האט יצחק געלעבט ק"פ שנה, ווייל אויך אברהם האט געהאט א ברכה – ווייל באמת האט שרה גופא געדארפט לעבן מער, עס איז געווען בלויז צוליב די עקידה וואס פרחה נשמתה. ועד"ז אברהם האט געדארפט לעבן מיט פינף יאר מער (ביז הונדערט און אכציק), נאר וויבאלד אז ביי אים האט געדארפט זיין שיבה טובה, האט דער אויבערשטער געמאכט אז ער זאל אוועקגיין פריער,

ובמילא, וויבאלד אז אברהם האט געדארפט האמת לעבן ק"פ שנים, איז דאך צוריק שווער, פארוואס האט יצחק ניט געלעבט נאך פינף יאר, וואס דעמאלט וואלט עס געווען סיי שלימות אין טבע און סיי ברכה?

אויף דעם זאגט רש"י ר׳ יהושע בן קרחה, מצד שהסתכל וכו׳.

דאס וואס מ׳קען דערפון אויסלערנען אין הוראה, איז: ענינו של יצחק איז דאך פחד יצחק – ענין הגבורות וצמצומים, וואס דערפאר האט ער דאך געזאגט לא ידעתי יום מותי, ער האט מצמצם געווען און הושד געווען וכו׳,

פונדעסטוועגן בשעה ער האט געגעבן די ברכות, האט ער געגעבן די גרעסטע ברכות, מטל השמים ומשמני הארץ, אין שמים גופא, ענין הנעלה שבו – טל, און אין ארץ גופא – משמני הארץ, – נאך מער ווי ברכת יעקב לבניו וברכתו של משה לישראל. וואס דערפאר האט זיך יעקב אזוי שטארק משתדל געווען אויף צו קריגן די ברכות, און דאס האט יצחק געוואלט געבן אפילו עשיו׳ן.

זעט מען אז ענין הגבורות וצמצומים איז דאס נאר לגבי זיך. בשעת עס קומט אבער לגבי א צווייטן, דעמאלט דארף מען געבן אלע ברכות און עס איז נימא ענין הצמצום.

און אזוי דארף זיך יעדער איינער פירן, אז אפילו אויב זיין שורש איז פון גבורה, ווי עס שטייט אין דער הקדמה פון תניא, אז עס זיינען

זיינען פאראן אט די וועלכע שרשם מהגבורות, ולכן טבעם להחמיר, ווי בית שמאי, וישנם באלו שטבעם להקל כב"ה - איז דאס אלץ בנוגע לעצמו, ער איז מחמיר לעצמו, אבער בהנוגע להשני דארף דאס ניט זיין.

ועי"ר ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט, אז אט די וואס האבן נעגל - דארפן זיי דאס נוצן פאר זיך, אדער אפשערן זיי, אבער ניט פאר א צווייטן.

אויך דארף מען אפלערנען פון ברכות יצחק, אז פריער דארף מען פארזארגן א אידן מיט גשמיות און דערנאך מיט רוחניות, ווארום אויף די, ברכות האבן אין זיךביידע פירושים, סיי אויף גשמיות און אויך אויף מקרא משנה וכו׳, איז אבער די התחלה געווען מיט גשמיות, ואין מקרא יוצא מידי פשוטו, און דערנאך רוחניות. וכדרכו של רש"י, פריער פשט, און דערנאך קומט ער צו פנימיות התורה.

וואס אזוי האבן זיך אויך געפירט די צדיקים נסתרים בזמן הבעש"ט, ווי דער רבי האט געזאגט אז זיי פלעגן פריער זעען ארויס- העלפן יענעם אין גשמיות, און דורך דעם פלעגט מען פועל׳ן און צוגיין צו רוחניות.

און אזוי וועט נמשך צו יעדן איינעם, פריער מטל השמים וכו׳ בפשוטו; אלע המשכות גשמיים, און דערנאך וועט דאס נמשך ברוחניות, מקרא משנה גמרא וכו׳, ביז עס וועט ווי ער זאגט אין די סדרה וואס מ׳גייט איצטער לייענען, ביקש לישב בשלוה, וואס דאס וועט זיין בביאת המשיח בגאולה (השלישית?) בקרוב בימינו ממש.

==========================

הנחת הת׳ בלתי מוגה